# פרשת תזריע-מצורע

## בס״ד. משיחת ל״ג בעומר ה׳תשמ״ג – בעת ה״פאראד״

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

אזוי ווי ביז דעם טאג פון ל״ג בעומר איז געווען ניט-גוטע פאסירונגען מיט חביריו, מיט די תלמידים פון רבי עקיבא – וואס ער איז דאך געווען אויך דער רבי פון ר׳ שמעון בן יוחאי – ביז וואנענט, אז זיי האבן זיך ״געפעלט״, און דעם טאג פון ל״ג בעומר איז ״פסקו״, האט זיך אויפגעהערט די מגיפה, רחמנא-לצלן.

וואס די סיבה אויף דערויף איז געווען: אזוי ווי ״לא נהגו כבוד זה בזה״[i], זיי האבן זיך ניט געפירט מיט דעם געהעריקן כבוד איינער צום צווייטן, מיט׳ן כבוד ווי ס׳פאסט פאר רבי עקיבא׳ס תלמידים – דערפאר האבן זיי באקומען דעם עונש, די שטראף;

וויבאלד אז ל״ג בעומר איז ״פסקו״, האט דאס אויפגעהערט – איז דערפון פארשטאנדיק, אז דעמולט האט אויפגעהערט – בטל-געווארן די סיבה וואס האט געבראכט צו זייער פעלן זיך, און דעמולט האבן זיי זיך נוהג געווען מיט דעם כבוד המתאים, מיט דעם כבוד ווי ס׳איז צוגעפאסט צו א אידן בכלל, ובפרט – צו א תלמיד פון רבי עקיבא.

וואס דאס איז אויך אן אפלערנונג פאר יעדערן, אנהויבנדיק פאר גאר קליינע קינדער,

און דאס איז, וואס בכלל די פעולות – די אויפפירונג – פון א מענטשן, אויך די מצוות, טיילן זיך אין צוויי סוגים, אין ״סור מרע״ ו״עשׂה טוב״, האלטן אין איין טאן גוטע זאכן, ״עשׂה טוב״, און אויסהיטן זיך מיט די גרעסטע פארזיכטיקייט אויף ניט טאן קיין רע: ניט צו טאן קיין ניט גוטע זאכן.

וואס דאס דארף האבן א ספעציעלער אנזאגן, אז ס׳איז דאך דא בטבע פון א מענטשן, אז נאך דערויף ווי ער האט מקיים-געווען מיט א צווייטן ״ועשׂה טוב״: ער האט אים געטאן א טובה, ער האט אים געטאן א גוטע זאך, אדער צדקה אדער ארויסגעהאלפן אדער ענלעכעס,

טראכט ער ביי זיך, אז וויבאלד איך האב אים געטאן א טובה – גיט דאס אים א רעכט, אז ער דארף זי ך ניט רעכענען אויף אזויפיל מיטן צווייטן און זיין אויסגעהיט אויף ניט אנרירן אין זיין כבוד, וויבאלד אז ער



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תזריע-מצורע

האט שוין אים געטאן א טובה, און ווער רעדט נאך ער האט געטאן די טובה איין מאל און צוויי מאל און מערערע מאל.

קומט די צווייטע לערנונג פון ל״ג בעומר און לערנט יעדערן פון אונז און יעדערן פון אייך און יעדערן פון דעם אידישן פאלק און דער גאנצער וועלט:

אז אפילו אז דער אויבערשטער האט מזכה געווען און געגעבן א מעגלעכקייט ארויסהעלפן א צווייטן אינגעלע – אדער א מיידעלע א צווייטע מיידעלע – און ארויסהעלפן, ווי געזאגט פריער, בשמחה ובטוב לבב און אין דער גרעסטער מאס –

צוזאמען דערמיט דארף זי אבער זיין גאר שטארק אפגעהיט צו זיך אויסהיטן ניט נאר ניט אנרירן א צווייטן קינד אדער א צווייטן אידן אדער א צווייטן מענטשן, נאר נאכמערער – זיך **נוהג כבוד** זיין מיט אים, אפגעבן אים כבוד.

וואס דאס ווערט לייכטער און נאכמער פארשטאנדיקער ווי אזוי מ׳מאנט דאס בא יעדערן, און אפילו ביי קליינע קינדער:

בשעת מ׳באטראכט זיך, אז דער צווייטער מענטש איז אויך א תלמיד פון ר׳ עקיבא, ווארום ער האט געלערנט תורה, וואס ״כולה אליבא דרבי עקיבא״[ii], תורה שבעל פה און די פירושים אויף תורה שבכתב זיינען באגרינדעט אויף די לימודים – אויף די לערנונג – וואס רבי עקיבא האט געלערנט מיט זיינע תלמידים אין זיין צייט, און זיי האבן דאס איבערגעגעבן דערנאך צו זייערע תלמידים, ביז וואנענט ס׳איז דערקומען צו אונז,

איז אט דעמולט, אז מ׳קומט אין בארירונג מיט א צווייטן אידן, מיט א צווייטן קינד אדער מיט א מענטשן בכלל – דארף מען זיך גלייך דערמאנען, אז דאס רעדט זיך אויך וועגן א תלמיד פון רבי עקיבא, און קען נאך זיין – מערער, א גרעסערען תלמיד ווי ער איז.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תזריע-מצורע

און דאס וואס ער האט געהאט די גרויסע זכיה אויף ארויסהעלפן אים, דורך מקיים זיין "ואהבת לרעך כמוך"[iii] אין דיבור און אויך אין מעשׂה – איז אדרבה, דאס לייגט אויף אים ארויף א זכות, אז ער זאל נאכמער זיין זהיר – אפגעהיט – אויף אפגעבן כבוד א צווייטן אידן, א צווייטן קינד א צווייטן מענטשן,

און טאן דאס אויך מיט דער גרעסטער שׂמחה, מיט א שׂמחה גדולה ובטוב לבב,

ווי דערמאנט פריער, געדענקענדיק, אז יעדער איד איז תלמידו של רבי עקיבא, איז ער אויך א חבר פון ר' שמעון בן יוחאי, און יעדער באשעפעניש, יעדער מענטש, איז דא דער "אומן שבראו", דער אויבערשטער וואס האט אים באשאפן, וואס דאס פארלאנגט און גיט כח אויף דעם מ'זאל דאס קענען דורכפירן אין דער פולסטער מאס, אז מ'זאל נוהג כבוד זיין מיט יעדער קינד, מיט יעדער אידן, מיט יעדער מענטשן.

---

i) מס' יבמות דף סב, ע"ב. שולחן-ערוך אדמור-הזקן אורח-חיים ריש סימן תצ"ג.

ii) מס' סנהדרין דף פו, ע"א.

iii) פ' קדושים פרק יט, פסוק יח.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.